גליון 290
מטו"מ תשפ"ו

# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## פַאלְשֶׁע כָּבוֹד

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז וֶועגְן פִילֶע גְרוּפֶּעס וָואס הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט צוּ אַ קְרוּמֶען צִיל, אוּן זֶענֶען גֶעוָוארְן פַארְלוֹירְן אוּן צוּמִישְׁט מִיט זֵייעֶר פַאלְשֶׁע אוּן פַארְדְרֵייטֶע שֵׂכֶל. צְוִוישְׁן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער הוֹיפְּט תַּכְלִית אִינֶעם לֶעבְּן אִיז כָּבוֹד. וַוייל אֲפִילוּ נָאךְ דִי פְּטִירָה, גִיט מֶען כָּבוֹד פַארְן נִפְטָר אוּן מֶען רֶעדְט מִיט רֶעסְפֶּעקְט וֶועגְן אִים...

זֵיי זֶענֶען אַזוֹי וַוייט פַארְפָארְן מִיט זֵייעֶרֶע טָעוּתִים, אַז זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט אַז מְ'מוּז זוֹכֶה זַיין אַן אָדָם מְכוּבָּד וָואס יָאגְט נָאךְ כָּבוֹד, וַוייל אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז אַן "אִישׁ מְכוּבָּד" וָואס הָאט גְרוֹיס כָּבוֹד. זֵיי הָאבְּן טַאקֶע גֶעפוּנֶען אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס כָּבוֹד אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער כַּעֲסָן, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען אַלְס קֶענִיג.

ר' זְאֵב הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט גֶעוַואלְדִיגֶע כּוֹחוֹת אִינֶעם "חֶבְרַת תְּפִילָה". מֶען הָאט גֶעטֵיילְט קָאלִירְטֶע קַארְטְלֶעךְ פַאר יֶעדֶעס קִינְד וָואס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין צַייט צוּ דַאוֶוענֶען שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי: אַ רָאזֶע קַארְטְל פַאר'ן דַאוֶוענֶען מִיט אַ בְּרֶען, אַ גְרִינֶע קַארְטְל פַארְן אוֹיסְהֶערְן קְרִיאַת הַתּוֹרָה אִינֶעם חוּמָשׁ, אוּן אַן אָרַאנְזְשֶׁע קַארְטְל פַאר'ן עֶנְטְפֶערְן "אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא...". צוּם סוֹף פוּנֶעם דַאוֶוענֶען הָאט מֶען צוּטֵיילְט גוּטֶע זַאכְן. אַמָאל פְלֶעגְט מֶען אֲפִילוּ טֵיילְן טַייעֶרֶע פְּרַייזְן אַלְס אַן אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג אָן קֵיין גוֹרָלוֹת. אַלֶע קִינְדֶער אִין דִי קְהִילָה הָאבְּן גֶעוִויסְט: דִי "חֶבְרַת תְּפִילָה" טָאר מֶען נִישְׁט פַארְפַּאסְן!

יֶעדֶער הָאט גֶעהַאט זַיין בַּאשְׁטִימְטֶע פְּלַאץ אִין דִי חֶבְרָה, אוֹיסֶער שִׂמְשִׂי.

שִׂמְשִׂי הָאט גֶעדַאוְונְט אַלֵיין אִין זַיין וִוינְקְל, אַמָאל פְּרִי אוּן אַמָאל נִישְׁט, אָבֶּער עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַנְטֵייל גֶענוּמֶען אִין דִי אַקְטִיוִויטֶעטְן פוּן דִי חֶבְרָה. פַארְוָואס טַאקֶע? שִׂמְשִׂי הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַ "גְרוֹיסֶער אִינְגְל", צוּ גְרוֹיס צוּ זַיין אִין דִי חֶבְרָה, כְּאִילוּ עֶר אִיז אַ קְלֵיין קִינְד וָואס דַארְף אַ צוּקֶערְל. אֵיין מָאל, וֶוען דֶער מְנַהֵל ר' זְאֵב הָאט אִים גֶעשִׁיקְט אַ גוּטֶע זַאךְ, הָאט עֶר עֶס נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען; עֶר הָאט פַארְקְרִימְט דָאס מוֹיל מִיט גַּאֲוָה, גֶעצוֹיגְן מִיט דִי פְּלֵייצֶע מִיט עַקְשָׁנוּת, אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען וָואס מְ'הָאט אִים מַצִּיעַ גֶעוֶוען.

שִׂמְשִׂי הָאט כְּסֵדֶר גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז סְ'פַּאסְט נִישְׁט פַאר אַ חָשׁוּב קִינְד וִוי אִים זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן מִיט אַזֶעלְכֶע קִינְדֶערִישֶׁע קִינְדֶער. נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר אֲפִילוּ בַּיי מִשְׁפָּחָה שִׂמְחוֹת, בַּיי חֲתוּנוֹת אוּן בַּר מִצְוָה'ס, הָאט שִׂמְשִׂי זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט 'מַטְרִיחַ זַיין' צוּ צוּגֵיין צוּ זַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער-קִינְדֶער צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי. עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט נָאר אֵיין קִינְד מִיט וֶועמֶען עֶר זָאל קֶענֶען רֶעדְן פְּרִיוַואט אִין אַ וִוינְקְל, כְּאִילוּ זַיינֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען טִיפֶע סוֹדוֹת פוּן קַבָּלָה. שִׂמְשִׂי הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז יֶעדֶער אִיז אִים מְקַנֵּא אוּן וָואלְט גֶעוָואלְט זַיין זַיין חַבֶר. דֶערְפַאר, וואוּ אִימֶער עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, אִיז זַיין פָּנִים גֶעוֶוען עֶרְנְסְט אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן. סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ זֶעלְטְנְהֵייט צוּ זֶען אַ שְׁמֵייכְל אוֹיף זַיין פָּנִים.

אוּמֶעטוּם וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְלֶעגְט עֶר רֶעדְן שְׁלֶעכְט אוֹיף אַנְדֶערֶע קִינְדֶער פוּן זַיין עֶלְטֶער, מֵיינֶענְדִיג אַז אַזוֹי וֶועט יֶעדֶער פַארְשְׁטֵיין אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אַזוֹי מוּשְׁלָם, וִויכְטִיג אוּן חָשׁוּב וִוי אִים.

אָבֶּער דִי יְשׁוּעָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען וֶוען זַיין פֶעטֶער הָאט מְסַדֵּר גֶעוֶוען עֶר זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים בְּחַבְרוּתָא סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען הָאבְּן זֵיי גֶעלֶערְנְט קֶעגְן דֶעם עִנְיָן פוּן לוֹיפְן נָאךְ כָּבוֹד. צוּבִּיסְלֶעכְוַוייז הָאט שִׂמְשִׂי אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין אַז זַיין אוֹיפְפִירוּנְג פוּן זוּכְן כָּבוֹד אִיז אַרָאפְּגֶעקוּקְט אוּן פַאר'מִיאוּסְ'ט בַּיי יֶעדְן וָואס קוּקְט אוֹיף אִים. זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר ווִיל זִיךְ טוֹישְׁן אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מְקָרֵב צוּ זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט דֶעם יְסוֹד: "אֵיזֶהוּ מְכוּבָּד? הַמְכַבֵּד אֶת הַבְּרִיּוֹת" – וֶוער אִיז בֶּאֱמֶת אַ מְכוּבָּד? דֶער וָואס גִיבְּט כָּבוֹד פַאר אַנְדֶערֶע אוּן זֶעט זֵייעֶרֶע מַעֲלוֹת! אוּן דֶער וָואס שְׁמֵייכְלְט צוּ יֶעדְן קְלֵיין קִינְד, עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מְכוּבָּד!



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (8)

**וַיְהִי הַיּוֹם אִיז גִיוֶועְן אַ גְרוֹיסֶער רוּחַ סְעָרָה** (דְהַיְינוּ אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט) אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה הָאט מְבַלְבֵּל גִיוֶועְן (כְּלוֹמֶר פַארְמִישְׁט) גָאר דִי וֶועלְט. אוּן עֶר הָאט אִיבֶּער גִיקֶערְט פוּן יַם יַבָּשָׁה אוּן פוּן יַבָּשָׁה יַם. אוּן פוּן מִדְבָּר יִישׁוּב אוּן פוּן יִישׁוּב מִדְבָּר.

**אוּן עֶר הָאט גָאר דִי וֶועלְט** אִיבֶּער גִיקֶערְט. אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז אַרַיין צוּם מֶלֶךְ אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה הָאט דָארְט גָאר נִיט גִיטָאן (כְּלוֹמֶר עֶר הָאט דָארְט בַּאם מֶלֶךְ קֵיין שׁוּם שָׁאדִין נִיט גִיטָאן) נָאר עֶר אִיז אַרַיין (דֶער רוּחַ סְעָרָה) אוּן הָאט אַוֶועק גִיחַאפְּט דָאס קִינְד פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה הַנַ"ל. **אוּן אִין דֶעם אוּמְפִּיט.** תֵּיכֶּף ווִי עֶר הָאט אַוֶועג גִיחַאפְּט דָאס טַייעֶר קִינְד. אִיז תֵּיכֶּף דִי בַּת מַלְכָּה נָאךְ (כְּלוֹמֶר דִי בַּת מַלְכָּה הָאט תֵּיכֶּף אָנְגִיהוֹיבִּין נָאךְ לוֹפִין נָאךְ דֶעם קִינְד זִי זָאל עֶס קְרִיק חַאפִּין. אִיז זִי אוֹיךְ עֶרְגִיץ אַוֶועק אוּן מֶע וַוייסְט נִיט וִוי) אוּן אַזוֹי דִי מַלְכָּה.

**אוּן אַזוֹי דֶער מֶלֶךְ** זֶענֶען אַלֶע נָאךְ. נָאךְ דֶעם קִינְד. בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין. אוּן מֶע וֵוייסְט נִיט וואוּ זֵיי זֶענֶען. אוּן מִיר אַלֶע זֶענֶען דֶערְבַּיי גָאר נִיט גִיוֶועְן. וָוארִין מִיר זֶענֶען דֶעמוּלְט אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין צוּ בַּיי נַייעֶן זַיין כֹּחַ כַּנַ"ל. אוּן וִוי מִיר זֶענֶען צוּרִיק גִיקוּמֶען. הָאבִּין מִיר זֵיי אַלֶע שׁוֹין נִיט גִיפוּנֶען כַּנַ"ל.

**אוּן דִי יַד אִיז אוֹיךְ פַארְפַאלִין גִיוָוארִין** דֶעמוּלְט. אוּן פוּן דֶעמוּלְט אָן. זֶענֶען מִיר אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין. אוּן מִיר קֶענֶען שׁוֹין נִיט גֵיין אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין. צוּ בַּאנַייעֶן זַיין כֹּחַ. וָוארִין אַז דִי וֶועלְט אִיז שׁוֹין אִיבֶּער גִיקֶערְט גִיוָוארִין. בַּאדַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין אַנְדֶערֶע וֶועגִין הַיינְט.

**אִיבֶּער דֶעם קָאנֶען מִיר שׁוֹין נִיט אַרוֹיף גֵיין** ווִידֶער אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין עֶר זָאל נֶעמֶען זַיין כֹּחַ. נָאר דִי רְשִׁימָה וָואס בַּיי אִיטְלִיכְן אִיז גִיבְּלִיבְּן (כְּלוֹמֶר דֶער צֵייכִין דְהַיְינוּ דָאס בִּיסְל כֹּחַ וָואס סֶע אִיז נָאךְ בַּיי אִיטְלִיכְן גִיבְּלִיבְּן פוּן לַאנְג) אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס. **אוּן אוֹיבּ דֶער גִיבּוֹר** (וָואס דִי מְדִינָה הָאט פַאר אִים מוֹרָא גִיהַאט) אִיז דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אִיז עֶר בְּוַודְאַי זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר (דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פַאר דִי לַייט הַנַ"ל) אוּן זֵיי הָאבִּין אוֹיס גִיהֶערְט זַיינֶע רֵייד אוּן הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט.

**אוּן זֵיי הָאבִּין שׁוֹין גִיהַאלְטִין** דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה בַּיי זִיךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט אַוֶועק לָאזִין פוּן זִיךְ (וָוארִין טָאמֶער דֶער גִבּוֹר וָואס עֶר ווִיל אָנְקוּמֶען אוֹיף זֵיי. אִיז עֶר דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַ"ל וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה קָאן זִיךְ מִיט אִים). **אוּן דֶער גִבּוֹר הַנַ"ל** אִיז אַלֶע מָאל צוּ גִיקוּמֶען נֶענְטֶער צוּ דֶער מְדִינָה אוּן עֶר הָאט אַלֶע מָאל גִישִׁיקְט זַיינֶע שְׁלוּחִים צוּ זֵיי. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶער מְדִינָה אוּן

עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אוּנְטֶער דֶער שְׁטָאט אוּן הָאט צוּ זֵיי אַרַיין גִישִׁיקְט זַיינֶע שְׁלוּחִים. (אַז זֵיי זָאלְן אִים זָאגְן וָואס זֵיי ווִילְן צוּ אוּנְטֶער גִיבְּן זִיךְ צוּ נַיין כַּנַ"ל)

**הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר גְרוֹיס מוֹרָא גִיהַאט פַאר אִים.** הָאבְּן זֵיי גִיבֶּעטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז עֶר זָאל זֵיי אֵיין עֵצָה גֶעבְּן. הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה צוּ זֵיי גִיזָאגְט. מֶען בַּאדַארְף קְלֶערִין. דָאס פִּירִיכְץ פוּן דֶעם גִבּוֹר. כְּדֵי עֶר זָאל דוּרְךְ דֶעם דֶערְקֶענֶען. אוֹיב דָאס אִיז דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַ"ל.

**אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.** אוּן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען צוּם גִבּוֹר. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ זַיין חַיִל פוּן דֶעם גִבּוֹר. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט אֵיין גִבּוֹר פוּן דִי גִבּוֹרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם גִבּוֹר (דְהַיְינוּ מִיט אֵיינֶעם פוּן דִי וַוארְטֶעס) (כְּדֵי עֶר זָאל קְלֶערִין אוֹיב דָאס אִיז דֶער גִבּוֹר וָואס עֶר קָאן זִיךְ מִיט אִים)

**הָאט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיפְרֶעגְט.** וָואס אִיז אַייעֶר טוּן. אוּן ווִי אַזוֹי זֶענְט אִיר אַייךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען מִיט דֶעם גִבּוֹר הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט (דְהַיְינוּ דֶער אֵיינֶער פוּן דִי גִבּוֹרִים הָאט גִיעֶנְפֶערְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גִיוֶוען. בַּאֲשֶׁר סֶע פַארְשְׁרִיבְּן אִין זֵייעֶרֶע קְרוֹינִיקֶעס. אַז סֶע אִיז אַמָאל גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רוּחַ סְעָרָה (דְהַיְינוּ אַ שְׁטוּרִים ווִינְט) אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה. הָאט אִיבֶּער גִיקֶערְט גָאר דִי וֶועלְט. עֶר הָאט אִיבֶּער גִיקֶערְט פוּן יַם יַבָּשָׁה אוּן פוּן יַבָּשָׁה יַם אוּן פוּן מִדְבָּר יִישׁוּב אוּן פוּן יִישׁוּב מִדְבָּר. אוּן עֶר הָאט גָאר דִי וֶועלְט פַארְמִישְׁט. אוּן נָאךְ דֶעם רַעַשׁ וָואס גָאר דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי פַארְמִישְׁט גִיוָוארְן. נָאךְ דֶעם הָאבְּן זִיךְ דִי מֶענְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט מְיַישֵׁב גִיוֶוען. זֵיי ווִילְן זִיךְ מַאכְין אַ מֶלֶךְ. הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ קְלֶערִין. וֶוער סֶע אִיז רָאוּי אַז מֶען זָאל אִים מַאכְין פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי. הָאבְּן זֵיי גִיקְלֶערְט. בַּאֲשֶׁר דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ נָאר דֶער תַּכְלִית. דְרִיבֶּער. וֶוער סֶע פָּארִיט זִיךְ מֶער אוּן אִיז זִיךְ מֶער מִשְׁתַּדֵל אִין דֶעם תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט דֶער דָאזִיגֶער קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ קְלֶערִין. וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית. אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוָוארִין כַּמָּה דֵעוֹת. **אַ טֵייל הָאבְּן גִיזָאגְט.** אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז כָּבוֹד. וָוארִין מִיר זֶעהְן זִיךְ אַז כָּבוֹד אִיז דֶער עִיקָר בַּיי דֶער וֶועלְט. וָוארִין אַז מֶען גִיט נִיט אָפּ דֶעם מֶענְשְׁן זַיין כָּבוֹד. דְהַיְינוּ אַז מֶע רֶעט אִים עֶפֶּעס אַ וָוארְט אַקֶעגִין זַיין כָּבוֹד. הָאט עֶר שְׁפִיכוּת דָמִים. וָוארִין דֶער עִיקָר אִיז דֶער כָּבוֹד בַּיי גָאר דֶער וֶועלְט. אוּן נָאךְ דֶעם טוֹיט הִיט מֶען אוֹיךְ אָפּ. אַז מֶען זָאל אָפְּגִיבְּן דֶעם מֵת זַיין כָּבוֹד.

**אַז מֶען זָאל אִים מְקַבֵּר זַיין** מִיט כָּבוֹד אוּן דֶעסְט גְלַייכִין. (אוּן מֶען זָאגְט אִים וָואס מֶע טוּט דִיר טוּט מֶען דִיר אַלְץ פוּן דַיין כָּבוֹד וֶועגִין) חָאטְשֶׁע נָאךְ דֶעם טוֹיט. ווִיל מֶען שׁוֹין נִיט קֵיין גֶעלְט אוּן דֶער מֵת גְלוּסְט שׁוֹין בְּוַודַאי נִיט קֵיין שׁוּם זַאךְ. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט אוֹיף דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶעם מֵת אִיז מֶען מַקְפִּיד. אוּן מֶע הִיט אִים אָפּ זַיין כָּבוֹד.

**נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער כָּבוֹד** דֶער עִיקָר תַּכְלִית. אוּן נָאךְ אַזוֹינֶע סְבָרוֹת אוּן גִידְרַאנְגֶען אַזוֹינֶע הָאבְּן דִי דָאזִיגֶע אַלְץ גִיזָאגְט. אַז כָּבוֹד אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט.

נאמען: ______________

# לאמיר זיין פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (8)

**א. וואס איז געשען איינמאל ווען זיי זענען געגאנגען באניי'ען זייערע כוחות?**

- ❑ עס איז געווען א גרויסע שטורעם ווינט אויף דער וועלט
- ❑ זיי זענען געבליבן דארטן און האבן נישט געקענט צוריק קומען
- ❑ עס איז געווען א גרויסע שטורעם ווינט אין די מדינה פונעם גבור

**ב. וואס האט דער שטורעם ווינט געמאכט?**

- ❑ איבערגעדרייט פון ים צו יבשה און פון יבשה צו ים
- ❑ איבערגעדרייט פון מדבר צו ישוב און פון ישוב צו מדבר
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וואס האט דער שטורעם ווינט געמאכט אין שטוב פונעם מלך?**

- ❑ עס האט אלעס איבערגעדרייט
- ❑ עס האט אלעס שאדן געמאכט
- ❑ עס האט ארויס געכאפט דאס קינד פון בת מלכה

**ד. וואס נאך איז פארלוירן געווארןביים שטורעם ווינט?**

- ❑ די יד פונעם מלך
- ❑ די שווערד פונעם גבור
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. פארוואס האט איין כתה געזאגט אז דער תכלית איז כבוד?**

- ❑ ווייל אזוי האט זיי א עהרליכע איד געזאגט
- ❑ ווייל ביי די וועלט איז דער עיקר די כבוד
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

ו. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**וויפל מאל ביי די מעשה האט דער בעל תפילה געגעבן א עצה? און פארוועמן?**

**וויפל מאל שטייט בי די מעשה אז עס איז געווען א "רוח סערה"?**

**תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (7)**

וואספארא נאך א זאך האט דער בעל תפילה משמש גיווען ביים מלך? **א יועץ**

פארוועמן פון די אנשי המלך האט דער מלך ליב גיהאט? **פארן בעל תפילה מיטן אוהב נאמן**

א שאלה זכות: פארווער עס קען די המשך פון די מעשה – ווער פון די אנשי המלך ווערט נישט דערמאנט דא?

**דער ממונה אויף די אוצרות פונעם מלך**

## דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדֵּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com